# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | פרשת לך לך | **שנת תשע"ב לפ"ק**



## מילי דחסידותא

**לך לך:** וברש"י ועוד שאודיע טבעך בעולם.

איז דער הייליגער **תפארת שלמה זי"ע** מסביר וואס עס מיינט 'שאודיע טבעך', אז ווען דער אייבערשטער איז ארומגעגאנגען צו די גוים פרעגן אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה, האבן זיי דאס נישט געוואלט נעמען ווייל זיי האבן געשפירט אז זיי קענען נישט גיין קעגן זייער נאטור פון רציחה, ניאוף, וכדומה. משא"כ אידישע קינדער ווייסן פונקט פארקערט אז אונזער עיקר טבע איז אז מ'קען יא צוברעכן די שלעכטע טבע, און דאס איז דער עיקר עבודה פון א איד, צו צוברעכן זיינע שלעכטע מידות און נאטורן. און דאס האט דער רבש"ע מבטיח געווען פאר אברהם אבינו, אז ער וועט די טבע מפרסם זיין אויף די וועלט.

**במסורה הלך ונסוע, הלך וחסר, הלך ושוב, הלוך וגדל:**

ונראה לבאר המסורה בגודל ענין חשיבות חזרת הלימודים, דהנה כאשר יחשוב האדם שילמוד הרבה דפים במרוצה, ולא יחזור על לימודו כלל, אזי במשך הזמן ישכח כל מה שלמד עד הנה, אולם אם יוסיף לחזור על לימודו תמידין כסדרן אזי יצליח במאד ויעשה חיל בלימודו.

וזאת תהי' תורת המסורה **הלך ונסוע**, אם יחליט ללמוד במהירות ולילך מענין לענין, אזי **הלך וחסר**, במשך הזמן יראה שחסורי מיחסרא ותלמודו משתכח ממנו, אבל אם הלך **ושוב**, שיחזור פעם אחת ושני', אז **הלך וגדול** ויראה ברכה והצלחה בלימודו

(מרגלא בפומי' דהגה"צ רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל הי"ד אב"ד גאלאנטא-מפי תלמידיו)

## דרש דרש

עס איז דא א מדרש פליאה: **בעצם היום הזה נמול אברהם, מכאן שאנשי סדום אין להם חלק לעולם הבא.**

דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע ענטפערט א הערליכן תירוץ אויף דעם מדרש פליאה, ווייל עס שטייט אין מדרש, **בעצם היום הזה**, מיינט אינמיטן פון די וואך, מיטוואך, האט זיך אברהם אבינו ע"ה גע'מל'עט. אויפן דריטן טאג זענען די מלאכים געקומען, און אויפמארגנס האבן זיי איבערגעדרייט סדום, קומט אויס אז סדום איז איבערגעדרייט געווארן שבת קודש.

לכאורה איז דאך שווער, די גמרא זאגט אז מיתת ב"ד איז נישט דוחה שבת, ווי אזוי האבן די מלאכים געקענט מחלל שבת זיין ווען זיי האבן איבערגעדרייט סדום?

נאר מען קען ענטפערן ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאל מיתת ב"ד נישט דוחה זיין שבת, ווייל ווען מ'הרג'עט איז מען דאך בלויז א מקלקל, און א מקלקל איז פטור פון חילול שבת. מוז מען זאגן אז מיתת ב"ד ווערט נישט גערעכנט ווי א קלקול נאר ווי א תיקון, ווייל דורכדעם קומט ער שפעטער צו צו חיי העולם הבא, וועגן דעם טאר מען נישט מעניש זיין מיט מיתת ב"ד אין שבת.

דאס זאגט דער מדרש **בעצם יום הזה נימול אברהם**, וואס דאס זאגט אונז אז אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט מיטוואך, אויב אזוי ווערט דאך שווער, אז סדום איז איבערגעדרייט געווארן שבת און מען טאר דאך נישט מחלל שבת זיין וועגן מיתת ב"ד, **מכאן שאנשי סדום אין להם חלק לעולם הבא**, ממילא איז זייער שטארבן נאר א קלקול וואס איז נישט אסור אום שבת

⸻

**אמרו נא אחותי את מכאן ששוחטין לחולה בשבת, והיא פליאה:** דער רבי **בעל דברי יואל** זי"ע זאגט א הערליכן פשט, ווייל די **מפרשים** פרעגן, פארוואס האט אברהם אבינו אזוי שטארק מורא געהאט אז אויב די מצרים וועלן געוואויר ווערן אז דאס איז זיין ווייב וועט מען אים הרג'ענען, אויב וועסטו זאגן אז זיי האבן א פראבלעם צו נעמען אן אשת איש, פארוואס זאלן זיי נישט האבן קיין פראבלעם אים צו הרג'ענען, וואס דאס איז שפיכת דמים?

נאר עס קען זיין, דער **רמב"ן** זאגט אז פרעה האט ליבערשט געוואלט אז זיין עבד זאל עובר זיין אויף אן עבירה און הרג'ענען אברהם אבינו, ווי ער אליין זאל עובר זיין אויף די עבירה און נעמען אן אשת איש, ווייל פארן מלך אליין פאסט נישט ער זאל זינדיגן, און א מענטש וויל ענדערש אז יענער זאל טון א עבירה ווי ער אליין.

דער **רא"ש** ברענגט א שאלה אויב עס איז דא א חולה שיש בו סכנה אום שבת, און דער דאקטער הייסט אז ער מוז עסן פלייש, און עס איז נישטא קיין כשר'ע פלייש אים צו געבן, וואס איז ענדערש, צי זאל מען אים געבן טריפה פלייש צו עסן, צי מ'זאל הייסן פאר א איד זאל גיין שחט'ן פארן חולה כשר'ע פלייש. שרייבט דער **ראב"ד** אז מ'זאל ענדערש רופן א שוחט וואס זאל שחט'ן כשר'ס ווי מ'זאל אים געבן נבילה. איז דער **רא"ש** מסביר דעם טעם ווייל אויב זאג איך פארן חולה אז ער מוז עסן נבילות וועט ער זיך פאר'מיאוס'ן דערפון און נישט וועלן עסן, און ער וועט ווייטער זיין אין א סכנה, דעריבער מעג מען שחט'ן פאר אים.

פרעגט דער רבי לכאורה וואס איז א חילוק צי ער עסט טריפה פלייש, צי ער ווייסט אז וועגן אים האט מען מחלל שבת געווען, ביידע איז דאך א איסור מה"ת, פארוואס זאל ער דאס יא וועלן עסן? אלא מאי מוז איך זאגן אז א מענטש פאר'מיאוס'ט זיך נישט אזוי ווען יענער טוט אן עבירה פאר אים, ווי ער אליינס איז עובר אן עבירה.

דאס זאגט דער מדרש **אמרי נא אחותי את** זעהן מיר פון דעם אז אברהם האט מורא געהאט אז מ'וועט אים הרג'ענען, פארוואס האט ער מורא געהאט מ'וועט אים הרג'ענען, שפיכת דמים איז דאך די זעלבע עבירה ווי אשת איש, אלא מאי איז דא א חילוק צווישן ווען מ'טוט אליינס א עבירה צו ווען יענער טוט פאר אים א עבירה, **מכאן ששוחטין לחולה בשבת**, אז מ'מעג שחט'ן פאר א חולה אום שבת פאר די זעלבע סיבה.

## מילי דרמיזא

**אריוך מלך אלסר:** דער דעת זקנים לבעלי התוספות זאגט א שיינעם רמז צו דעם וואס חז"ל האבן באשטימט **הלכה כשמואל בדיני וכרב באיסורי**. לויט דעם וואס מיר האבן געלערנט (אין פרק האשה נקנית דף ל"ט), אז שמואל ווערט אנגערופן **אריוך**, ווייל די הלכה בלייבט ווי אים, און אריוך איז א לשון פון מלכות.

דאס איז מרומז אין פסוק **אריוך מלך**, איבעראל איז שמואל דער מלך ווייל די הלכה בלייבט ווי איהם, **אל אסר**, אויסער ביי איסורים וואס דארט איז הלכתא כרב (דעת זקנים מבעלי התוספות).

## בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לפרשת השבוע

### שמונה עשרה

**ואברכה מברכיך זה שאומרים אלקי אברהם וגו':** פארוואס הייבט מען נישט אן די שמו"ע מיט **"ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם"**, מיר ווייסן דאך אז א ברכה אן קיין מלכות איז נישט קיין ברכה?

**תוספות** (ברכות דף מ"ט) ענטפערט אז **"אלקי אברהם"** מיינט מלכות, ווייל אאע"ה האט ערקלערט דעם אייבערשטנס מלכות אויף די וועלט, ממילא אז מ'זאגט אלקי אברהם דאס איז מלכות.

לויט דעם טייטשט דער **חיד"א** ואעשך לגוי גדול זה שאומרים אלקי אברהם, ואברכך וגו', און אויסער דעם וועל דיר געבן נאך א ברכה אז והיה ברכה, ווען מען וועט דיך דערמאנען אין א ברכה, וועט דאס ווערן פונקט ווי א ברכה אין וואס מ'זאגט מלך העולם.

דער **רא"ש** ענטפערט אז "הקל הגדול", דאס איז מלכות, ובלש"ק **"אין לך מלכות גדול מזה"**.

ברענגט דער **ייטב פנים** (לשבה"ג) א **תוס' יו"ט** אז מיטן תירוץ פון **רא"ש** קען מען טייטשן א פסוק, תהלה לדוד ארוממך אלקי המלך ואברכה שמך לעולם ועד, יעדעס מאל וואס **ארוממך**, מוז איך זאגן **אלקי המלך** דערמאנען מלכות **ואברכה שמך** און דערמאנען דעם שם, איז דאך שווער **בכל יום אברכך** יעדן טאג דאווענען מיר שמו"ע, **ואהללה שמך**, מיר זאגן נאר דעם שם אן מלכות, אויף דעם איז דער תירוץ **גדול ה'**, דאס וואס מ'זאגט **הקל הגדול**, דאס איז מלכות.

**פארוואס טרעט מען די דריי טריט איידער מען הייבט אן די שמונה עשרה?**

אין **ביאור הגר"א** (סי' צ"ה) ווערט געברענגט אז דער טעם איז קעגן די דריי הגשות לתפלה וואס מיר געפונען אין תנ"ך, ויגש אברהם, ויגש אליו יהודה, ויגש אליהו.

**פארוואס טרעט מען אויס דריי טריט נאך די שמונה עשרה?**

דער **בית יוסף** (סי' קכ"ג בשם מהרי"א בשם א"ח) זאגט דעם טעם "כנגד ג' מילין שרחקו ישראל מהר סיני בשעת מתן תורה".

נאך א טעם ברענגט דער **בית יוסף**, ווייל עס שטייט אין מדרש אז משה רבינו איז אריינגעגאנגען רעדן צו כביכול אין דריי וואלקענעס חשך, ענן, וערפל, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען איז ער ארויסגעגאנגען פון די 3 וואלקענעס, וועגן דעם טרעטן מיר אויס 3 טריט. - דער **שיבולי הלקט** זאגט א טעם ווייל ווען א מענטש דאווענט געפונט זיך די שכינה העכער אים, מילא איז דאס פלאץ א מקום קדוש, דעריבער ווען ער ענדיגט די שמונה עשרה גייט ער ארויס פון א מקום קדוש צו א מקום חול וועגן דעם זאל ער אויסטרעטן אויף צוריק ציוועגס.

בשם **רבינו האי גאון** ווערט געברענגט א טעם ווייל תפילות כנגד תמידין תקנו, איז דאך דאס דאווענען אזוי ווי א קרבן, און ווען די כהנים גייען מקריב זיין אויפן מזבח איז די הלכה אז מען מען גייט ארויף מיט די אברי התמיד אויף די רעכטע זייט, און אראפ גייט מען אויף די לינקע זייט, צווישן דעם כבש און דעם מזבח איז געווען דריי שורות שטיינער, האט דער כהן געדארפט צוריק טרעטן דריי טריט, דעריבער טוען מיר אויך אזוי.

דער **מג"א** שרייבט דעם טעם, לויט דעם וואס די גמרא (סנהדרין דף צ"ז ע"א) זאגט אז נבוכדנאצר האט געקענט חרוב מאכן די ביהמ"ק ווייל ער איז געלאפן 3 טריט לכבוד דעם אייבערשטן (עיין שם המעשה באריכות בגמ') וועגן דעם טרעטן מיר צוריק 3 טריט, און מיר בעטן "שיבנה בית המקדש במהרה בימינו" (וכן הובא במהרש"א במס' סנהדרין שם).

## מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק האיש מקדש

### אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה...

מיר האבן געלערנט אין די גמרא **אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה.**

איז דא א שיינע קשיא פון **מהרש"א** (חידושי אגדות בבא בתרא דף ט"ז ע"א) **אברהם אבינו** האט דאך מקיים געווען די גאנצע תורה ווי חז"ל זאגן **קיים אברהם אבינו כל התורה כולה אפי' עירובי תבשילין**, ווי אזוי האט אברהם אבינו געקענט זאגן פאר שרה **"הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את"** וואס דאס מיינט אז ביז דעמאלטס האט ער איר נאכנישט געהאט געזעהן, ווי אזוי האט ער איר מקדש געווען איידער ער האט איר געזעהן?

איז דא עטליכע שיינע תירוצים אין די מפרשים.

דער **מהרש"א** אליין ענטפערט אז אברהם האט יא געזעהן שרה איידער ער האט איר גענומען אבער שפעטער האט ער שוין נישט געקוקט אויף איר ווייל עס איז שוין נישט געווען קיין מצוה, און יעצט ווען שרה איז שוין געווען עלטער האט זיך אברהם געוואונדערט אז זי זעהט נאך אויס מיט איר שיינקייט אזוי ווי אמאל.

נאך א תירוץ ענטפערט דער **מהרש"א** אז אברהם אבינו האט הערשט אנגעהויבן מקיים זיין אלע מצוות נאר נאכדעם וואס ער האט זיך גע'מל'עט, ממילא האט ער נאך יעצט נישטמקיים געווען די מצוה, פון 'יא' זעהן איידער ער האט איר מקדש געווען.

דער **ילקוט המאירי** און דער **נודע ביהודה** ענטפערן אז וויבאלד ער האט געוואוסט אז ער גייט איר קיינמאל נישט אנקוקן, איז נישט שייך אז ער וועט זיך פון איר פאר'מיאוס'ן, ממילא איז ער נישט געווען מחויב צו קוקן פארן שידוך.

לויט דעם תירוץ ווערט דערציילט א ווערטל, אז אמאל איז געווען א ראש הקהל א עם הארץ, וואס האט אויסגעקויפט "חתן תורה" וואס איז געווען די חזקה פונעם רב, און ער האט געגעבן א גרויסן קידוש, און מכבד געווען דעם רב צו זאגן תורה. האט דער רב געפרעגט א קשיא "לכאורה ווי אזוי מעג דער ראה"ק קויפן חתן תורה, עס שטייט דאך אין די גמרא אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה, און דער חתן האט נאכקיינמאל נישט געזעהן די כלה?"... נאר אזוי ווי דער גאנצער חשש איז נאר **שמא תתגנה עליו**, און דא איז נישט דא דער חשש, ווייל אויך נאך די חתונה וועט ער זיכער נישט עפענען קיין אידיש ספר, ממילא האט ער געמעגט קויפן חתן תורה...

דער **חתם סופר** ענטפערט אז עס איז זיכער אז אברהם האט יא געזעהן שרה פאר ער האט איר גענומען, נאר אברהם האט קיינמאל נישט געזעהן קיין אנדערע פרוי, האט ער נישט פארשטאנען אז שרה איז דוקא שיין, אבער די טמא'נע מצרים זיי זענען שטופי זימה, האבן זיי דירעקט געזוכט מכשיל צו זיין אנדערע מענטשן זאלן קוקן אויף זייערע ווייבער, און קומענדיג אפילו נעבן מצרים איז אוממעגליך געווען נישט צו זעהן די נשי המצריים, דעריבער הערשט ווען אברהם איז געקומען קיין מצרים איז ער געוואויר געווארן אז זי איז טאקע שיין.

עס ווערט געברענגט א תירוץ אין **ספרים** אז פאר צדיקים ווייזט נישט דער אייבערשטער קיין שלעכטע זאך, מילא האט אברהם אבינו נישט מורא געהאט שמא יראה בה דבר מגונה, דעריבער האט ער נישט געדארפט קוקן פון פאראויס.

## ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

אין די צייט וואס עס ווערט ב"ה כסדר נתרבה דער צאל פון די בר מצוה בחורים בין כותלי ישיבתינו הק', וועלן מיר שמועסן איבער אן אקטועלע נושא, דאס ענין פון אנטון א גארטל צום דאווענען.

דער מקור הדבר איז אין שו"ע (או"ח סי' צ"א ס"ב) ווי דער מחבר פסק'עט אז מ'דארף אנטון א גארטל צום דאווענען. צוליב צוויי טעמים, איינס אז עס זאל נישט זיין **לבו רואה את הערוה**, ממילא דארף מען מאכן א הפסק. צווייטנס, כדי מ'זאל זיך גרייטן צום דאווענען מיט הכנעה, ווי דער פסוק זאגט (עמוס ד') **הכון לקראת אלקיך ישראל.**

אין **שו"ע הרב** (סי' צ"א) פסק'עט ער אז מ'איז נישט מקיים **'הכון'** מיטן פאסיק. און אין סידור **צלותא דאברהם** (דיני ברכת אוזר ישראל) איז ער מסביר ווייל דאס חשיבות פון א גארטל איז נאר ווען עס איז א בגד העכער די קליידער.

דער **משנה ברורה** (שם) זאגט אבער אז דער טעם פון 'היכון' איז נאר צום דאווענען, אבער צו אנדערע ברכות דארף מען נישט אנטון קיין גארטל אויב מ'האט א פאסיק.

אין שו"ת **מנחת יצחק** (ח"ה סי' מ"א) זאגט ער אז כאטש מדינא דארף מען נאר האבן א גארטל צו שמונה עשרה, פונדעסטוועגן דאך איז עס א מעלה אז מ'זאל גיין מיטן גארטל צום גאנצן דאווענען און צו יעדע מצוה, ווייל ווען ער גייט מיטן גארטל זעהט ער אויס מער צוגעגרייט צו די מצוה ווי ווען ער גייט אָן א גארטל, ממילא איז דאס א חשיבות און א כבוד פאר די מצוה.

עס איז אינטערעסאנט צוצוגעבן וואס עס דערציילן די מקורבים **פון הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים**, אז שוין זייענדיג בערוב ימיו איז ער געווען אין אמעריקע לכבוד א חתונה פון אן אייניקל פון **מרן רביה"ק הברך משה זי"ע**, פארן אריינגיין אין די קאר צו פארן צום רבי'ן האט ער זיך אפגעשטעלט און אנגעטון דעם גארטל, האט אים איינער א פרעג געטון מען קען דאך אנטאן דעם גארטל ביים רבי'ן און שטוב אויך, האט ער גענטפערט "פארן צו א רבי'ן איז אויך א מצוה, און צו א מצוה דארף מען אנטון א גארטל".

אין **תשובות והנהגות** (להגר"מ שטערנבוך שליט"א ראב"ד ירושלים) ברענגט ער אז אויך די ליטווישע גדולי ישראל האבן זיך געפירט אנצוטון א גארטל, צווישן זיי דער חזון איש ז"ל.

**מרן רביה"ק הדברי יואל זי"ע** האט כמה פעמים נאכגעזאגט בשם אביו **מרן הקדושת יו"ט זי"ע** אויף די גמרא אין מס' שבת (דף י' ע"ב) ווי די גמרא זאגט אז ווען מ'האט געעפענט דאס גארטל צום עסן הייסט שוין התחלת סעודה אז מ'זאל נישט דארפן מפסיק זיין צום דאווענען, פרעגט רב ששת 'פארוואס? איז דען א טירחא אנצוטון א גארטל? און נאך א קשיא, זאל ער זיך שטעלן דאווענען אזוי אָן א גארטל?', ענטפערט די גמרא אז מ'דארף אנטון א גארטל ווייל עס שטייט היכון לקראת אלקיך ישראל'. פרעגן אלע מפרשים אז דער תירוץ פון די גמרא פארענטפערט נאר די צווייטע קשיא, פארוואס מ'קען נישט דאווענען אָן א גארטל, און נישט די ערשטע קשיא. נאר - ענטפערט דער קדושת יו"ט זי"ע אז די קשיא אז יא פארענטפערט ווייל איינמאל עס איז א מצוה אנצוטון א גארטל ווערט דאס שוין א טירחא, אפילו אזא קלייניקייט ווי אנטון א גארטל ווערט א טירחא אויב דאס איז א מצוה"...

דער מונקאטשער רב ז"ל אין **נימוקי אורח חיים** (סי' א') ברענגט אז דער בני יששכר זי"ע, און דער דברי חיים זי"ע, פלעגן אנטון א באזונדערע גארטל בשעת'ן דאווענען, אויסער דער גארטל וואס זיי האבן געהאט א גאנצן טאג אויפן בעקיטשע, ווייל נאר אזוי קען מען מקיים זיין דעם 'הכון'.

אויך **רבוה"ק זי"ע** האבן זיך געפירט אז כאטש מ'איז געגאנגען איבערן טאג מיט א טיש בעקיטשע וואס האט געהאט א גארטל, האט מען צום דאווענען אנגעטון א באזונדערן גארטל.

**(המשך יבא בגליון הבא בע"ה)**